גליון
# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ'ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

שנה א' גליון י'
פרשת מקץ
תשפ"ד

## לוח ההילולא

ד' טבת.

הרה"ק רבי אברהם אלחנן מקאלושין זצ"ל.

ה' טבת.

הרה"ק רבי אברהם אלחנן מפלאנטש זצ"ל.

ו' טבת.

הגה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זצ"ל.

ז' טבת.

הרה"ק רבי צבי הירש ממעזיבוש - פינסק זצ"ל.
הגה"ק רבי מרדכי יוסף מאיזשביצע זצ"ל.

ח' טבת.

הרה"ק רבי נחום דובער מאוורוטש זצ"ל.

ט' טבת.

רבינו יהוסף הלוי הקדוש זצ"ל הי"ד הנגיד מגראנאדא.
הגאון רבי שמואל קרויס זצ"ל אב"ד וואגאש.

י' טבת.

הגה"ק רבי נתן מברסלב זצ"ל.

## ד' טבת

### הרה"ק רבי אברהם אלחנן אונגאר מקאלושין זצ"ל

געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק רבי מרדכי דוד'ל מדאמבראווא זצ"ל. בזיווו"ר איז ער געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי קלונימוס קלמן מפארציק זצ"ל ובזיווו"ש ביי הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל השרף ממגאלניציא. ער האט משמש געווען ברבנות אין די שטעט קוזיף, אופשטאנא, און אין קאלשין. בשנת תר"י האט ער אנגעהויבן צו פראווענען רבי'סטעווע. ער איז נסתלק געווארן ביום ד' טבת, שנת תרמ"ג ומנו"כ אין קאלשין.

## ה' טבת

### הרה"ק רבי אברהם אלחנן מפלאנטש זצ"ל

געבוירן צו זיין פאטער רבי יהודא ז"ל. ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל קדשת לוי מבארדיטשוב זצ"ל און הרה"ק רבי יעקב יצחק החוזה מלובלין זצ"ל. די קהילות פון דאמראווא אין פלאנטש האבן אים געבעטן צו ווערן זייער רב, עפ"י צווי פון הרה"ק מלובלין זצ"ל איז ער געווארן רב אין פלאנטש, און מען האט אים גערופן רבי חנה'לה פון פלאנטש. דער חוזה פון לובלין, און א בריוו דריקט זיך אויס אויף אים (נדפס בתחילות ספרו ברכת אברהם) "הרב המאור הגדול הגאון בוצינא קדישא חכם וחסיד וכו' אהבו אהבה עזה ומצפה טובתו וגדולתו". הרה"ק בעל דברי חיים זצ"ל דריקט זיך אויס אויף אים (בהסכמות ספרו הנ"ל) "היה גדול מפורסם בין הצדיקים הגדולים הקודמים". ער איז נסתלק געווארן ביום ה' טבת שנת תקצ"ה, מח"ס ברכת אברהם עה"ת וחידושים על הש"ס. (ראה בקונטרס בקודש חזיתיך)

## ו' טבת

### הגה"ק רבי יחזקאל שרגא האלבערשטאם זצ"ל אבדק"ק שינאווא

געבוירן ביום כ' (או כ"א) בחודש שבט, שנת תקע"ו, אין שטאט טארניגראד, אלס בן הבכור צו זיין פאטער הגה"ק רבי חיים זצ"ל אבדק"ק צאנז ובעל דברי חיים און זיין מוטער הרבנית מרת רחל פייגא ע"ה, טאכטער פון הגה"ק רבי ברוך פרענקיל זצ"ל אב"ד לייפניק ובעל ברוך טעם. פון קינדוויז אן איז ער ערצויגן געווארן בצל קדשו פון זיין גרויסן טאטע, דער הייליגע צאנזער רב. שוין אלס קינד האט מען אויף איהם געזען די געוואלדיגע אייגנשאפטן מיט וועלכע ער האט אין די שפעטערדיגע יארן גע'שמ'ט, זיין התמדות בתורה, גאונות, יראת שמים, זיהרות אין גדרי הלכה, פלאמפייערדיגע עבודת התפילה און שלימות אין מדות האמת.

בשנת תק"צ האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית טאבא ע"ה, טאכטער פון ווישניצ'ער רב הגה"ק בעל אריה דבי עליאי זצ"ל (איידעם פון ישמח משה זצ"ל), דער שדכן איז געווען הרה"ק בעל זרע קודש מראפשיץ זצ"ל. פאר א תקופה איז ער געזעצן ביי זיין שווער אויף קעסט, דערנאך איז ער אריבער קיין אוהעל, בצ"ק פון זיידן דער ישמח משה זצ"ל, און ער האט זיך דארט מסתופף געווען פאר איבער צען יאר. יונגערהייט איז ער נתאלמן געווארן, ובזיווו"ש האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית יוטא דבורה ע"ה, טאכטער פון הגה"צ רבי מרדכי זילבערשטיין זצ"ל אב"ד האלאשיץ, (איידעם פון אריה דבי עליאי זצ"ל) דער שדכן איז געווען דער זיידע דער ישמח משה. נאך וואס זי איז אוועק האט ער ביום ראש חודש כסלו שנת תר"ו (וי"א שנת תר"ז) חתונה געהאט מיט הרבנית בריינדל בת הגה"ק רבי יהודא צבי זצ"ל מראזלא. שפעטער ווען זי איז אוועק האט ער חתונה געהאט א פערדע מאל עפ"י עצתו פון רבו הגה"ק השר שלום מבעלזא זצ"ל, מיט הרבנית חיה רחל ע"ה (אלמנת הרה"צ רבי סענדר בן הרה"ק רבי אליעזר רוקח בן רבו השר שלום) בת הרה"ק רבי צבי הירש רמ"ז זצ"ל אב"ד לענטשוב (גיסו של הרה"ק השר שלום). ווען זי איז אוועק האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית מרת שיינדל בת רבי אברהם געווירצמאן זצ"ל מגארליץ (נכד הרה"ק רבי ר' אלימלך זצ"ל).

ער איז געפארן צו אסאך צדיקי הדור, צווישן זיי הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זצ"ל, הרה"ק רבי ר' הירש מרימינוב זצ"ל, הרה"ק

רבי מאיר מפרימשלאן זצ"ל, הרה"ק רבי ישכר בער מראדשיץ זצ"ל, זיין רבו המובהק איז געווען הרה"ק דער שר שלום מבעלזא זצ"ל. פאר א קורצע תקופה איז ער געווען רב אין רודניק, שפעטער, נאכן הסתלקות פון זיין שווער הגה"ק רבי יהודא צבי זצ"ל מראזלא איז ער עפ"י צווי פון הרה"ק מרוזישין זצ"ל אויפגענומען געווארן אלס רב אין ראזלא על מקום חותנו. אין שנת תרט"ו, איז ער געווארן רב אין שינאווא וואו ער האט געדינט ברבנות ואדמורו"ת פאר צענדליגע יארן, און אויפ'ן נאמען פון די שטאט איז ער אויך געבליבן באקאנט אין די חסידי'שע וועלט. בשנת תרכ"ז איז ער געווארן רב אין סטראפקוב.

בשנת תרכ"ט איז ער געפארן אויף א באזוך קיין ארץ ישראל. נאכן צוריק קומען פון ארץ ישראל האט ער זיך אויסגעדריקט, אז "די אמת'דיגע מטרה צו וואס איך בין געפארן און וואס איך האב גע'פועל'ט אין ארץ ישראל וועט מען וויסן נאר נאכדעם וואס משיח וועט קומען". נאך האט ער געזאגט, "ווער עס האט ליב ארץ ישראל, ווערט צו אים ארץ ישראל דער בעסטער גוטער פריינד". אין די זעלבע צייט האט ער ווי די דרך פון די אמת'דיגע צדיקים וגדולי ישראל געקעמפט ווי א לייב קעגן די ציוניסטן וואס האבן זיך איינגעהילט אין חיבת הארץ און מיטן גרעסטן פייער לוחם געווען קעגן זיי ביז סוף ימיו. נאך בחייו פון זיין טאטע'ן האט ער זיך שוין געפירט באדמורו"ת און חסידים האבן געשטראמט צו אים פון איבעראל. אבער אין די זעלבע צייט פלעגט ער ווייטער פארן צום טאטע'ן וואו א חסיד וואס פארט צו א רבי. הגם ער האט געהאט מערערע חילוקי דעות מיטן טאטע'ן, וועגן פסקים און הוראות אין הלכה, איז ער פארבליבן א פלאמ'פייערדיגע חסיד פון זיין טאטע.

נאכן הסתלקות פון זיין טאטע, בשנת תרל"ו האבן די גדולי החסידים וואס זענען פריער געווען דבוק אין צאנזער רב געזען אינעם שינאווער רב דער גרעסטער ממשיך נאמן פון צאנז און האבן מקבל מרות געווען פון אים, און זיך מסתופף געווען בצל קדשו. נאכן טאטע'נס הסתלקות איז ער געזעצן א יאר אין שטאט צאנז, ממלא מקום צו זיין אלס רב אין צאנז. אבער ער איז נאך דעם צוריק קיין סטראפקוב.

בשנת תרמ"א איז צוריק קיין שינאווא וואו ער איז פריער געווען רב, ווערנדיג מפורסם אלס רבן של ישראל, רב רבנן, רבי פון רבי'ס, צו ווערכן מאסן חסידים און רבנים מפורסמים, אדמורי"ם וצדיקים, זענען געפארן שעפן היופנס פון קדושה און מדריגות. רוב מנין ובנין פון חסידי צאנז אין גאליציע, פוילן און אונגארן, צדיקים און רבנים מפורסמים, אינאיינעם מיט פשוט'ע חסידים, האבן מקבל געווען תורה און עבודת ה' פון שינאווער רב און געשעפט פון אים עצות חיזוק אין הדרכה ברוחניות ובגשמיות. ער האט געווארפן א מורא אין פחד איבעראל וואו ער האט געדינט אלס רב, מען האט געציטערט פון זיינס א ווארט. ער איז געווען אויסגערופן אלס שטארקער מדקדק אין הלכה, א מחמיר אין יעדן דין און מנהג קל, אויף וואס ער האט נישט מוותר געווען. ער האט געהאט מסירות נפש אויף מדות האמת, וואו זיין טאטע איז מעיד אויף איהם (בשו"ת דברי חיים או"ח ח"ב סי' ב') "הי' אצלי בני הרב הגדול האבד"ק שינאווע וכו' ועדותו נאמנה אלי למאוד כי ידעתי שלא יכזב בעד כל חללי דעלמא". ער איז נסתלק געווארן ביום ו' טבת תרנ"ט, ומנו"כ אין שינאווא. מח"ס דברי יחזקאל. (ראה בספר שמחת עולם ובשנות דור ודור מקץ תשפ"ב)

## ז' טבת

### הגה"ק רבי צבי הירש ממעזיבוש - פינסק זצ"ל

געבוירן בערך שנת תצ"ד-ה אין שטאט בראד, צו זיין פאטער דער אור שבעת הימים רבינו ישראל בעל שם טוב זצ"ל און זיין מוטער מרת שרה ע"ה. אלס קליין קינד איז ער אינאיינעם מיט זיינע עלטערן אריבער וואוינען קיין מעזיבוש. דארט איז ער נתעלה ונתקדש געווארן במחיצת אביו ותלמידיו הקדושים. און די יונגע יארן האט ער מקבל געווען תורה פון זיין פעטער הרה"ק רבי גרשון מקיטוב זצ"ל. בחייו פון זיין פאטער האט ער חתונה געהאט מיט מרת מלכה ע"ה, און האט געוואוינט אין מעזיבוש וואו די שטאטישע קהילה האט אים אויסגעהאלטן און געשאנקען א הויז וואו ער זאל קענען וואוינען.

לויט איין מסורה האט ער נאכן הסתלקות פון בעש"ט, בשנת תק"כ אנגעהויבן צו פירן די עדה הקדושה, אבער אין די ערשטע הילולא פון זיין טאטע'ן האט ער פארציילט אז זיין טאטע איז אים געקומען אין חלום און געזאגט אז די שכינה און די גאנצע פמליא של מעלה זענען געגאנגען פון מעזיבוש קיין מעזריטש. צוליב דעם האט ער מקבל מורת געווען פונעם גרויסן מגיד הרה"ק רבי דובער זצ"ל ממעזריטש, און האט אריבער געפירט צו אים די כתר ההנהגה.

נאכן פטירה פון זיין ערשטע רעבעצין האט ער, בשנת תקכ"ג, עפ"י צווי פון מעזריטשן מגיד חתונה געהאט בזוו"ש מיט מרת ביילא ע"ה בת הנגיד הצדיק רבי שמואל חסיד מפינסק זצ"ל. דעמאלטס האט ער זיך אריבער געצויגן קיין פינסק, וואו ער האט ממשיך געווען די עבודת הקודש זיצנ'דיג איינגעשפארט אין זיין חדר און עוסק געווען עה"ת והעבודה בהצנע לכת, באהאלטן פון מענטשן. ער האט זיך געשפייזט מיט דעם וואס זיין רעבעצין האט עוסק געווען אין מסחר אינאיינעם מיט איר טאטנ'ס משפחה פארקויפנ'דיג אקסן. מיט די צייט האט איר פאטער פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן און איז ל"ע געווארן א יורד, האט רבי צבי זיך איינגעהאנדלט א קרעטשמע און ער אליין איז געווען די שענקער. רבי צבי איז געווען אן אדם חלוש א גאנץ לעבן און איז נסתלק געווארן יונגערהייט, ביום ז' טבת שנת תק"מ, אלט זייענדיג בלויז פינף און פערציג יאר, ומנו"כ אין פינסק. על פי בקשת הרה"ק בעל בית אהרן מקארלין זצ"ל - וואס ער האט אליין האט זיך אויך משתתף געווען מיט צען רובל פאר די הוצאות- האט מען אויפגעבויעט אן אוהל אויף זיין ציון. (ראה בספר אבן ישראל - מעזיבוש)

### הגה"ק רבי מרדכי יוסף ליינער מאיזשביצע זצ"ל

געבוירן שנת תק"ס אין די שטאט טאמשוב – לובלסק, צו זיין פאטער המקובל רבי יעקב זצ"ל. פון יונגווייז אן איז ער שוין געווען באוואוסט אלס עילוי מופלג, זיין נאמען האט שוין דעמאלטס גע'שמ'ט אלס שקדן עצום טראץ זיין שוואכער גוף. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון רבי יוסף זצ"ל דומ"ץ דק"ק טאמשוב. נאך די חתונה האט ער זיך מחבר געווען מיט די חבורה פון געהויבענע יונגערלייט וואס האבן זיך מתדבק געווען אין הרה"ק רבי שמחה בנום מפרשיסחא זצ"ל. אין די חבורה האט זיך געציילט עילויים חרפים מסלתה ומשמנה פון די שטאט טאמשוב, וואס בראש איז געשטאנען הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאצק זצ"ל.

בשנת תקע"ט איז ער די ערשטע מאל געפארן זיך מסתופף זיין בצל פון זיין רבי'ן הרה"ק רבי ר' בנום זצ"ל אין פרשיסחא. אלס הכנה דרבה האט ער צוגעגרייט זיין הארץ אין נפש אז עס זאל זיין ראוי ומוכשר צו מקבל זיין תורת אמת, אין ער האט אדורך געלערנט אלע ספרי קבלה וואס עס זענען געווען אין די בית המדרש פון שטאט און געחזר'ט ביז עס איז געווען שגור על פיו. נאך וואס ער איז שוין געווען מלא תורת ה' במקרא במשנה וגמרא והלכה ומדרשים וזהר הקדוש, ערשט דאן איז ער געפארן מקבל זיין פני רבו הק', און פון דעמאלטס איז ער געווארן נתקשר צו זיין רבי'ן. פאר ניין יאר האט ער זיך אויפגעהאלטן אין פרשיסחא, ווען נאר אויף געציילטע וואכן דורכאויס דער יאר איז ער אהיים געפארן צו זיין משפחה, ווען די איבעריגע צייט איז ער געזעצן אין זיך מזדכך געווען בקדושה ובטהרה במחצות רבו וואס האט אים ארויסגעוויזן אן אויסערגעווענליכע ליבשאפט און חיבה יתירה. דארט אין פרשיסחא האט זיך אנגעהויבן צונויפנעמען ארום אים הונדערטע יונגעלייט וואס האבן זיך מדבק געווען אין אים און ער האט זיי געפירט בדרכי היראה והחסידות על פי תורת רבו הק'. אויך הרה"ק מקאצק זצ"ל פלעגט מפעם לפעם שיקן צו איהם אבריכם, ער זאל זיי פירן בדרך ישרה. ניין יאר האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון זיין רבין, ביז צום הסתלקות פון הרה"ק רבי שמחה בנום מפרשיסחא זצ"ל, ביום י"ב אלול שנת תקפ"ז. נאכן פטירה פון זיין רבי'ן האט ער זיך צוריק געקערט קיין טאמשוב. דארט האבן זיך צוזאמגענומען אסאך גדולי תלמידי פרשיסחא און מקבל מרות געווען פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאצק זצ"ל. אויך רבי מרדכי יוסף האט ערשט זיך מדבק געווען אין הרה"ק מקאצק זצ"ל, און ער איז געווען פאררעכנט צווישן די ראשי החסידים און אלס איש אמונו פון הרה"ק מקאצק זצ"ל.

בשנת ת"ר, אין די תקופה ווען הרה"ק מקאצק זצ"ל האט זיך אנגעהויבן אפשיידן פון זיינע חסידים כיודע, איז רבי מרדכי יוסף אינמיטן די הקפות ארויסגעגאנגען פון ביהמ"ד און האט אנגעהויבן צו פראווענען אליין. נאך יום טוב האט ער זיך באזעצט אין שטאט איזשביצע. דארט האט ער אנגעפירט מיט די עדה הקדושה. ער האט געפירט זיינע חסידים מיט א געוואלדיגע חיבה באהבת אב על בנו, און ער האט זיי באשיינט מיט זיין תורה. אויך איז ער געווען מפורסם אלס פועל ישועות און גרויסער בעל צדקה. זיין תלמיד הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף זיין רבי'ן, "אויב ער וואלט געווען בזמן הגאונים וואלט ער געווען א גאון און אויב ער וואלט געווען בזמן האמוראים וואלט ער געווען אן אמורא און אזוי אויך, אויב ער וואלט געווען בזמן התנאים וואלט ער געווען א תנאי." ער איז נסתלק געווארן ביום ז' טבת שנת תרי"ד. זיינע ד"ת זענען ארויסגעקומען אין דעם ספר מי השילוח. (ראה בהקדמת ספר בית יעקב מה שכתב נכדו הרה"ק רבי גרשון העניך מראדזין זצ"ל)

## ח' טבת

### הרה"ק רבי נחום דובער שניאורסאהן זצ"ל מאווראטש

געבוירן בשנת תר"א אין האנערסטייפל צו זיין פאטער הרה"ק רבי יוסף יצחק זצ"ל און זיין מוטער מרת חנה ע"ה בת הרה"ק רבי יעקב ישראל טווערסקי זצ"ל מטשערקאס. ער האט חתונה געהאט מיט מרת פריידא, טאכטער פון רבי דוב משה פארלוב ז"ל בן הרה"ק רבי שלמה חיים זצ"ל מקוידנוב. ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון זיינע זיידעס הרה"ק רבי מנחם מענדל מלובאוויטש זצ"ל, הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זצ"ל און ביי זיין עלטער שווער הרה"ק רבי שלמה חיים מקוידנוב זצ"ל. נאכן פטירה פון זיין טאטע'ן, ביום י"ח כסלו שנת תרל"ו, איז ער אויפגענומען געווארן אלס מ"מ אדמו"ר מאווראטש, וואו דארט האט ער אנגעפירט מיט די עדה הקדושה. ער איז נסתלק געווארן ביום ח' טבת שנת תרנ"ז ומנו"כ אין שטאט קיוב.

## ט' טבת

### רבינו יהוסף הלוי זצ"ל הי"ד הנגיד מגראנאדא

געבוירן ביום י"א תשרי שנת ד' אלפים תשצ"א וי"א תשצ"ו, צו זיין פאטער רבינו שמואל הנגיד זצ"ל (אויף אראביש האט מען אים גערופן אב"ן נאגדעל"ע), וואס איז געווען די לאקאלער הערשער און דער פערזענליכער יועץ פון די קעניג'ן פון גראנאדא [-א פראווינץ אין שפאניע]. ערשט ביים קעניג חובס און שפעטער ביי זיין זון, קעניג באדיס. רבי יהוסף איז געווען אן איידעם ביי רבינו נסים בן יעקב מקירוואן זצ"ל. נאכן פטירה פון זיין פאטער, בשנת ד' אלפים תתט"ו, האט ער איבערגענומען זיין טאטע'נס אמט אלס הויפט וויזער און יועץ צום קעניג באדיס (אויף אראביש האט מען אים גערופן אב"ן חסא"ן אב"ן נאג"ר על"א).

רבי יהוסף איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און ער האט אויך געשטיצט פיל תלמידי חכמים. ער האט זיך געפירט צו די גוי'שע איינוואוינער פון גראנאדא מיט א שטייפע האנט -אנדערש וואו זיין טאטע רבי שמואל וועלכע האט זיך באצויגן צו די מוסלומענער מיט רעספעקט, נישט אויפצורייצן זייער קנאה געפילן- ווי אויך האט ער אריינגעשטעלט אידן אין פילע הויכע פאזיציעס פון די לאנד פירערשאפט, און דאס האט ערוועקט קנאה ביי די גוי'שע איינוואוינער. די איינוואוינער פונעם לאנד זענען באשטאנען פון בערבערן און אראבער און צווישן זיי איז שטענדיג געווען מחלוקות'ער, אפילו ביידע זענען געווען מוסלומענער. איינמאל האט דער מלך געהייסן אויס'הרג'נען אלע אראבער פון שטאט ווען זיי געפונען זיך אין זייערע געבעט הייזער אין א פרייטאג. ער האט זיך דורך גערעדט מיט רבי יהוסף, און רבי יהוסף האט אים פרובירט אפצורעדן פון דעם, דער קעניג האט זיך אבער געהאלטן ביי זיינס. ווען רבי יהוסף האט געזען אז דער מלך פלאנט ערנסט דאס אויסצופירן, האט ער מרמז געווען פאר זיינע נאנטע, זיי זאלן אנזאגן די אראבער אז זיי זאלן זיך נישט צוזאם נעמען אין זייערע געבעט הייזער. אזוי איז צושטערט געווארן די פלאן פון מלך. דער מלך האט דעמאלטס זייער געברוגזט אויף רבי יהוסף. רבי יהוסף האט זיך פארענטפערט אז ער האט געמיינט די טובה פון די מלך און די מדינה. הגם דער מלך האט מקבל געווען דער תירוץ, איז אבער געבליבן און זיין הארץ א טינה און אנגעווייטאגקייט. די שונאים פון רבי יהוסף האבן דאס געשפירט, האבן זיי אנגעהויבן צו העצן צום מלך אנטקעגן איהם, און איינער פון די משוררי פון די אראבער, מיטן נאמען אב"ו אסח"ק א"ל אלפיר"י, האט מחבר געווען א ליד מלא חירופים וגדופים אנטקעגן רבי יהוסף און די אידן. מען האט געזינגען די שיר אין אלע הייזער פון די אראבער

און בערבערים, און דורך דעם איז מער צושפרייט געווארן די קנאה און שונאה אנטקעגן די אידן.

אין יענע תקופה איז גראנאדא באפאלן געווארן דורך א שכנות'דיגע לאנד, און איז כמעט באזיגט געווארן. רבי יהוסף איז דאן באשולדיגט געווארן מיט האבן פיינטליכע פארבינדונגען מיט די שונאים. אינעם טאג פון שבת ט' בטבת אין יאר ד' אלפים תתכ"ד, איז זיין פאלאץ באפאלן געווארן דורך מאסן אויפגערעגטע גוי'שע איינוואוינער. ווען רבי יהוסף האט געזען אז ס'איז שוין כלתה עליו הרעה, האט ער זיך פראבירט צו באהאלטן אין די חדר וואו עס זענען געליגן די קוילן אין זיין חצר, און ער האט זיך פארשווארצט זיין פנים מען זאל אים נישט דערקענען. עס האט איהם אבער נישט געהאלפן, מען האט אים געכאפט און אומגעברענגט ל"ע, דערנאך האבן זיי אויפגעהאנגן זיין קערפער אויף די שער פון זיין פאלאץ ה' יונקום דמו. אינאיינעם מיט רבי יהוסף האבן זיי גע'הרג'ט רוב פון זיין משפחה רח"ל, און בערך צוויי טויזנט אידן. די איבערגעבליבענע זענען קוים מיטן לעבן אנטלאפן פון שטאט. (ראה בספר אוצר הגדולים אלופי יעקב בערכו ובספר דער אייביגער פאלק)

## הגאון רבי שמואל קרויס זצ"ל אבדק"ק וואגאש

געבוירן בערך אין די יארן תקס"ז-ע"ז אין די שטעטל זעמפלען – אונגארן, צו זיין פאטער רבי אברהם ז"ל און מוטער מרת פעסיל ע"ה. אלס בחור האט ער געלערנט אין שטאט אונגווער ביי הגאון רבי צבי הירש העללער זצ"ל בעל טיב גיטין. שפעטער, ווען הגאון צבי הירש איז אריבער קיין אובן ישן האט רבי שמואל ממשיך געווען צו לערנען אין די ישיבה אין אונגווער ביי הגה"ק רבי מאיר א"ש זצ"ל אבדק"ק אונגווער. ער האט חתונה געהאט מיט מרת אסתר יהודית ע"ה. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אויף קעסט ביי זיין שווער אין שטאט אוהעל, וואו ער איז געזעצן על התורה והעבודה מיט הרחבת הדעת.

וואוינענדיג אין שטאט אוהעל האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פונעם אוהעל'ער רב, הרה"ק בעל ישמח משה זצ"ל. אין יענע תקופה האט אויך געוואוינט אין שטאט אוהעל הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זצ"ל און זיי האבן אינאיינעם געלערנט בחברותתה. עפ"י דעת רבו הרה"ק בעל ישמח משה זצ"ל איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אינעם שטעטל וואגאש, וואס איז נעבן די שטאט אוהעל. נאכן הסתלקות פון הרה"ק בעל ישמח משה זצ"ל האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זצ"ל, הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל ובנו הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זצ"ל. בזיווו"ש האט ער חתונה געהאט מיט מרת דינה ע"ה בת רבי אברהם דייטש ז"ל, פון קליין פאטיק.

רבי שמואל איז געווען מפורסם אלס גרויסער גאון און פועל ישועות. ווען עס זענען געקומען צו הרה"ק משינאווא זצ"ל מענטשן פון די געגנט פון אוהעל פאר א ברכה האט ער זיי געשיקט קיין וואגאש צו רבי שמואל און האט זיך אויסגעדריקט, " פארוואס זענט איר זיך מטריח אזוי ווייט צו קומען צו מיר נאך א ברכה, איר האט דאך דארט דעם וואגאשער רב וועלכער איז א צדיק נסתר, ער וואוינט אין א דארף נעבן אוהעל, ער האט גילוי אליהו, ווייל ער לערנט שוין פערציג יאר תורה יומם ולילה שטייענדיג'הייט אין זיין חדר מיוחד, וואס האט נישט אפילו קיין מינדעסטע באלייכטונג". ער איז נסתלק געווארן בשיבה טובה, ביום ט' טבת שנת תר"ס ומנו"כ אין וואגאש. (ראה בגליון דור דור וסופריו גליון ג')

## י' טבת

## הגה"ק רבי נתן שטערנהארץ מברסלב זצ"ל

געבוירן ביום חמשה עשר בשבט בשנת תק"מ אין שטאט נעמירוב צו זיין פאטער הנגיד רבי נפתלי הירץ ז"ל און זיין מוטער מרת חיה לאניע ע"ה. זייענדיג א יונג קינד האט ער זיך געזעצט לערנען בהתמדה רבה און האט קונה געווען ידיעות התורה מיט א געוואלדיגע בקיאות און מיט א שטארקע עמקות אין אלע חלקי התורה בנגלה ובנסתר. שוין גאר יונגערהייט האט זיין הארץ אנגעהויבן צו ברענען פאר'ן אויבערשטן, און ער איז גאר שטארק געשטיגן אין תורה און אין עבודת השם. בשנת תקנ"ד, ווען ער איז אלט געווען דרייצן יאר, האט ער חתונה געהאט מיט מרת אסתר שיינדיל ע"ה טאכטער פון הגה"ק רבי דוד צבי הגדול אויערבאך זצ"ל אב"ד מאהולב, שאריגראד, אין קרעמניץ. נאך די חתונה איז ער געווען סמוך על שלחן חותנו אין שטאט שאריגראד ביז סוכות, שנת תקנ"ו. דעמאלטס איז ער אריבער וואוינען נעבן זיין טאטע'ן אין שטאט נעמירוב, און ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש.

אין אנהייב איז רבי נתן געגאנגען אויפ'ן דרך פון די מתנגדים אויף די תלמידי הבעש"ט, זייענדיג אזוי מחונך פון זיין טאטע'נס און שווער'ס הויז. שפעטער, האט ער אנגעהויבן בענקען צו עבודת השם מער און מער, איז ער בשנת תקנ"ו, דורך די השפעה פון זיינע חברים אנגעהויבן פארן צו די צדיקי הדור גדולי החסידות, וואו ער אליין שרייבט "הבחין האמת כי טוב להתקרב להצדיקים המפרסמים גדולי החסידים כי הם אנשי אמת וה' עמם". ער האט זיך שטארק מדבק געווען און זיך מסתופף געווען און איז געווען אפר תחת כפי רגלי גדולי עולם פון די תלמידי המגיד הגדול ממעזריטש זצ"ל. בפרט ביי הרה"ק רבי ברוך'ל ממעזיבוש זצ"ל, הרה"ק רבי גדלי' מלינץ זצ"ל, הרה"ק רבי שלום מפראביטש זצ"ל, הרה"ק רבי אברהם דוב מחמעלניק זצ"ל, הרה"ק דער רבי ר' זושע מהאניפאלי זצ"ל און בעיקר ביי הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זצ"ל, וואס האט איהם זייער מקרב געווען און האט אים אנגערופן בלשון חיבה מיין נתנ'לע.

אין יאר תקס"ב איז הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל געקומען וואוינען אין ברסלב, וואס איז נאנט צו די שטאט נעמירוב. דעמאלטס האט ער זיך די ערשטע מאל געטראפן מיט רבו המובהק הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל. נאך דעם וואס ער איז מקורב געווארן, בחודש אלול שנת תקס"ב, האט רבי נחמן יענע שבת תשובה ביי די תורה גערעדט וועגן דער צדיק וואס איז בחינת משה און דער תלמיד וואס איז בחינת יהושע, (ל"מ ח"א תו' ו'). דערנאך האט ער זיך אנגערופן צו רבי נתן דירעקט און געזאגט; ווען עס קומט זיך צוזאם א רבי מיט א תלמיד איז דאס בחינת משה ויהושע! הרה"ק ר' נחמן אב"ד טשערין זצ"ל ברענגט אין זיין ספר פרפראות לחכמה אז די תלמידים האבן דאן פארשטאנען אז רבי נחמן האט מיט דעם געגעבן סמיכה פאר דעם נייעם תלמיד, פארשטייענדיג אז דער תלמיד מיט זיין ריין הארץ איז דער כלי מוכשר דערצו, בפרט נאך אלע דיבורים וואס רבי נחמן האט געזאגט וועגן איהם און די ספעציעלע חביבות וואס ער האט כסדר ארויסגעוויזן צו איהם. אויך האט רבי נחמן איהם בעאויפטראגט צו זיין דער עמטליכער שרייבער פון זיינע תורות, זאגנדיג אז ער פארשטייט די בעסטע צו די כוונה פון זיין תורה. רבי נתן האט טאקע אפגעשריבן און

געדריקט די ספרים פון זיין רבי'ן, ספה"ק ליקוטי מוהר"ן, ספורי מעשיות, ספר המידות, שיחות הר"ן, און די ספר חיי מוהר"ן. זיין רבי האט אים דערפאר מכיר טובה געווען און האט מעיד געווען, און זיך אויסגעדריקט "אז ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין בלעטל שמות". פון דעמאלטס אן איז רבי נתן כסדר געקומען קיין ברסלב מקבל זיין תורה און הדרכה פון זיין רבי'ן. אין אנהויב האט ער געהאט שרעקליכע מניעות פון זיין טאטע'ן און שווער. שפעטער האבן די מניעות זיך אויפגעהערט וויבאלד זיי האבן געזען אז ער איז נאר נתעלה געווארן אין עבודת ה' דורכן התקרבות צו חסידות. אפילו נאך דעם וואס ער איז נתקרב געווארן צו הרה"ק רבי נחמן זצ"ל, פלעגט ער נאך אלס פארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון די תלמידי המגיד זצ"ל, ווי ער אליין שרייבט אין א בריוו "וה' אלקים אמת יודע כי דברתי עם גדולי קדושי ישראל צדיקי יסודי עולם זכותם יגן עלינו, עם כלם דברתי הרבה גם אחר שזכיתי להתקרב לאדמו"ר המבהק הרה"ק מורינו ורבינו הרב רבי נחמן זצ"ל, וכלם קרבו אותי באהבה רבה, ובחבה יתירה ובפרט הרה"ק והנורא מבארדיטשוב, ואחריו הרה"ק מחמעלניק, והרה"ק מורנו הרב רבי שלום מפאריבישטש, זכר צדיקים לברכה, ושאר גדולי עולם, אצל כלם הייתי מתאבק בעפר רגליהם קודם שנתקרבתי אל אדמו"ר המבהק זצ"ל ואחר כך, ואהבתם גברה עלי אחר כך ביותר, מחמת שראו שנשתניתי לטובה יותר לשקד על דלתי התורה והעבודה ביותר בעזהשי"ת, וכלם פרסו בשלומו ז"ל על ידי".

נאכן הסתלקות פון רבו הרה"ק רבי נחמן זצ"ל, ביום ח"י תשרי שנת תק"ע, האט ער פארשטאנען אז מען דארף ווייטער ממשיך זיין די הנהגה פון רבי נחמן אזוי ווי בחייו, און ער האט זיך דאן אנגעגארטלט און אסאך געטוהן וועגן די קיום פון זיין רבי'נס זאך, אזוי ווי עס איז געווען רצון קדשו פון רבי נחמן. ער האט טאקע מצליח געווען דאס אויסצופירן און אנגעהאלטן די עולם, סיי מיט די ענין פון ראש השנה לאחר הסתלקותו, און סיי די ספרים, דרכים און עצות, וואס ער האט ווייטער פארשפרייט און איבער געגעבן פאר די שפעטערדיגע דורות.

רבי נתן איז דאן אריבער וואוינען אין ברסלב ווי ער האט שוין געוואוינט אלע זיינע יארן. דארטן אין ברסלב האט ער מקרב געווען אסאך אידן צום אויבערשטן און אויפגעבויעט א חבריא קדישא פון גרויסע עובדי ה'. ער פלעגט רעדן מיט יונגערלייט אין עבודת השם לויט די דרכים פון זיין רבי'ן. זיינע רייד זענען אריין אין זייער הארץ כלהבות אש, זיי זענען זייער נתעורר געווארן דערפון און זענען אינגאנצן נשתנה געווארן, מיט התמדה בלימוד התורה, תפלה בכח מיט צעקות מעומק הלב וכדומה.

עס זענען כסדר ניתוסף געווארן נאך מענטשן וואס זענען נתעורר געווארן פון זיינע דיבורים וואס זענען ארויס פון זיין הייליג, ריין הארץ, בתמימות און זענען נאכגעגאנגען זיינע וועגן. חוץ די שפראך וואס ער האט געהאט מיט די עבודי השם, איז ער אויך געווען ארומגענומען מיט פשוטי המון עם, וואס ער האט אריינגעפלאנצט אין זיי אמונה הטהורה און עס האט געברענט אין איהם א פייער פון אהבת ישראל מקרב צו זיין יעדן איד צום אויבערשטן. ער האט געהאט א ספעציעלע צוואה פון זיין רבי'ן, אז ווען עס קומט צו די ענין פון אמונה זאל ער נישט קארגן די פען, זייענדיג באקאנט אלס סופר מהיר און געוואלדיגע שרייבער, פארמאגענדיג א צחות הלשון, און שטארקע שפראך. מען זעט טאקע אין אלע ספרי רבי נתן אז דארט ווי ער רעדט פון אמונה צולאזט ער די פעדער גאר שטארק און ער רעדט מיט א געוואלדיגע פייער בדבריו חוצבים להבות אש, איבער די אמונה הטהורה וואו ער איז מחזק צובראכענע און שוואכע מענטשן, אז יעדער איינער קען דינען דעם אויבערשטן, ארויסברענגענדיג אז דער אויבערשטער האט ליב יעדע איד און יעדע פאל.

זיין דרך איז נישט געווען זיך צו פירן ווי די הנהגה פון די רבי'ס. ער האט זיך געפירט בפשטות ווי א געטרייער תלמיד וואס איז בלויז משמש זיין רבי'ן מיט'ן באשיינען זיין זאך אויף די וועלט. אין יאר תקפ"ב איז ער געפארן -נאך אסאך רצונות וכיסופים- צו ארץ ישראל און זוכה געווען צו זיין דארט פאר א לענגערע צייט, א זאך וואס רבי נחמן האט אסאך גערעדט איבער די וויכטיגקייט פון זיין דארט כאטש איין מאל אין לעבן. בשנת תקפ"ז, נאך די פטירה פון זיין ערשטע רעבעצין האט ער חתונה געהאט בזיווג"ש מיט מרת דישעל ע"ה.

בשנת תקצ"ה, האט אויסגעבראכן א גרויסע מחלוקת אויף רבי נתן האט ער דאן געמוזט פארלאזן די שטאט ברסלב, און איז געגאנגען וואוינען קיין נעמירוב, ביז שנת תקצ"ח ווען די מחלוקה האט זיך אפגעשטעלט, איז ער צוריק קיין ברסלב צו די גרויס פרייד פון זיינע תלמידים. אסאך פון די מתנגדים זענען איהם דאן גאר געקומען מפייס זיין און ער האט ווייטער געפירט די ברסלב'ע חסידים כראוי. רבי נתן איז נסתלק געווארן בש"ט פרייטאג סמוך לכניסת השבת עשרה בטבת שנת תר"ה, במעמד פון זיינע הייליגע תלמידים. ומנו"כ אין ברסלב. מח"ס ליקוטי הלכות וואס ענטהאלט חידושים נפלאים אויפ'ן סדר פון די ד' חלקי שולחן ערוך על דרך המוסר והקבלה געבויעט לויט די תורות פון לקוטי מוהר"ן. לקוטי תפילות - תפילות אויף אלע ענינים אין עבודת ה' אויפן סדר פון לקוטי מוהר"ן. ימי מוהרנ"ת וואס דערציילט חלקים פון זיין לעבן. עלים לתרופה – מכתבים. משמיה פון כ"ק אדמו"ר מאוז'רוב זצ"ל, זאגט מען נאך אז די חלק הקדושת פון חנוכה פון ספר קדשת לוי האט רבי נתן אפגעשריבן (ראה בקונטרס סניגרון של ישראל בתחלת ספר קדשת לוי ממכון פאר מקדושים). אזוי אויך האט ער ארויסגעגעבן די ספרים קיצור לקוטי מוהר"ן, לקוטי עצות, שמות הצדיקים און נאך. (ראה בספר באש ובמים ובקנטרס רוח להתבונן)

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com